## קנאָספּן / לייב נײַדוס

קנאָספּן שלאָפֿן... שטילער, שטילער...
קנאָספּן צערטלעכע ווי דו...
ס'וויינט אַ ווינטל ווו... וואָס וויל ער?
ווינטל שווײַג! נישט שטער די רו!...

קנאָספּן שלאָפֿן... גרינגער, גרינגער
די באַגרינטע ערד באַטרעט...
שטרעק, מײַן קינד, די דינע פֿינגער
און פֿאַרגליווער אין געבעט...

קנאָספּן שלאָפֿן... ווייכער, ווייכער
רינט אויף זיי דער בלויער שײַן,
רינט אַ דורכזיכטיקער, בלייכער,
ווי אַ טרויעריקער ווײַן...

קנאָספּן שלאָפֿן... שטילער, שטילער...
הערסט, ווי ס'צייטיקט דער באַגער?
ס'דאַכט, עס זיפּצט דער טוי דער קילער...
גיי נישט... גיי נישט... שטיי און הער!...

יעקאטערינאָסלאַוו, 1915
(פֿון *ליריק*)

## נִצָּנִים / לייב ניידוּס

עברית: ישׂראלה בקר

נִצָּנִים נָמִים... בְּנַחַת...
עֲדִינִים מַמָּשׁ כְּמוֹתֵךְ...
מָה לָךְ רוּחַ מִתְיַפַּחַת?
אַל תַּפְרִיעִי לַמְּנוּחָה!

נִצָּנִים נָמִים... קַל־צַעַד
פְּסַע עַל אֶרֶץ מוֹרִיקָה...
בִּתְפִלָּה, בְּנִי, שְׁלַח מֻגְבַּהַת
אֶת יָדְךָ הַדַּקִּיקָה...

נִצָּנִים נָמִים... וּבְרֹגַע
נֹגַהּ עֲלֵיהֶם נוֹטֵף,
זַךְ כְּיַיִן זֶה הַנֹּגַהּ,
יַיִן עַגְמוּמִי, מַר־לֵב...

נִצָּנִים נָמִים... בְּנַחַת...
הֲתִשְׁמַע, תְּשׁוּקָה בָּשְׁלָה?
כֹּל טִפַּת טַל נֶאֱנַחַת...
אַל תֵּלֵךְ... שְׁמַע אֶת קוֹלָהּ!...

תל־אביב, מרץ 2025